# וואס איז Xylazine?

Xylazine, אויך באקאנט אלס "tranq" (טרענק) איז א דראג וואס ווערט גענוצט דורך באשעפענישן דאקטוירים צו בארואיגן אדער איינשלעפן באשעפענישן. עס איז נישט קיין אפיאד. Xylazine איז שוין געפונען געווארן אין די ניו יארק סיטי (NYC) דראג סופליי, כמעט אלעמאל צוזאמען מיט fentanyl, (א מאכטפולע סינטעטישע אפיאד).



## וואס זענען די זייט ווירקונגען פון Xylazine?

Xylazine קען פאראורזאכן מידקייט, נידריגע בלוט דרוק, פארשטאטערטע הארץ ראטע און א ווייניגערע אטעם.



## איז Xylazine באשטעטיגט צו נוצן פאר מענטשן?

ניין. Xylazine איז נאר געווארן באשטעטיגט דורך די עסן און דראג אדמיניסטראציע פאר באשעפענישן.



## ווי נאך איז Xylazine געפונען געווארן?

Xylazine איז געפונען געווארן אין די דראג סופליי אין עטליכע אמעריקאנע שטאטן און פארטא ריקא.



## טוט זיך Xylazine געווענליך געפונען אליינס אדער מיט אנדערע דראגס?

אין NYC, איז Xylazine נאר געטראפן געווארן אין דראגס וואס ענטהאלטן אויך fentanyl.



## פארוואס ווערט Xylazine אפט געפונען מיט fentanyl?

די אפעקטן פון fentanyl טוט נישט אנהאלטן אזוי לאנג ווי די פון אנדערע אפיאדס (ווי heroin). Xylazine קען ווערן צוגעלייגט צו fentanyl צו פארלענגערן די אפעקטן. רוב מענטשן ווייסן נישן אז Xylazine איז אין זייערע דראגס.



## קען מען נעמען א צו הויכע דאזע פון Xylazine?

יא. גאר הויכע דאזעס פון Xylazine קענען צוברענגען צו אן עקסטרעמע פארשלעפערונג, פארשטאטערטע הארץ ראטע, אדער פארשטאטערטע אדער אפגעשטעלטע אטעמען.



## טוט naloxone ארבעטן אויך Xylazine?

Xylazine איז נישט אן אפיאד, דעריבער טוט naloxone נישט צוריקדרייען אירע אפעקטן. פונדעסטוועגן, ווערט Xylazine כמעט אלעמאל געפונען מיט אפיאד - אויב איר טראכט אז איינער האט אן איבערדאזע גיבט זיי naloxone און רופט **911**. Naloxone וועט צוריקדרייען די אפעקטן פון די אפיאדס, אפילו אויב דער מענטש בלייבט פארשלאפן צוליב די Xylazine.



## וואס געשעט אויב איינער האט גענוצט Xylazine און האט באקומען naloxone פאר אן אפיאד איבערדאזע?

די מענטש קען צוריק אנהויבן אטעמען אבער קען נאך אלס בלייבן פארשלעפערט פון די Xylazine. אויב די מענטש אטעמט, לייגט זיי אין די "רעסקיו פאזישן" (ליגנדיג צו די זייט) אוןווארט פאר הילף אנצוקומען. אויב האט איר א פולס אקסימעטער, נוצט עס צו איבערקוקן די מענטש'ס אקסיגען שטאפלען.



## וואס זענען די אנדערע זייט ווירקונגען פון Xylazine?

מענטשן וואס נוצן געווענליך Xylazine קענען באקומען שווערע הויט אלסערס (לעכער אין די הויט) אדער אייטער אינפעקציעס, אפילו איב די Xylazine ווערט נישט געגעבן דורך אן איינשפריץ (צום ביישפיל אויב עס ווערט גערייכערט אדער אריינגעאטעמט). הויט וואונדן פאראורזאכט דורך Xylazine קענען פארערגערט ווערן שנעלער און נעמט לענגער צו היילן ווי אנדערע הויט וואונדן.



## קענען מענטשן האבן Xylazine "צוריקציאונג" (שטארקע אנגעצויגנקייט/דעפרעסיע וואס קומט ווען די דראג וועפט אויס)?

יא. מענטשן וואס באנוצן זיך כסדר מיט Xylazine האבן א ריזיקע צו דורכגיין צוריקציאונג. די סימפטאמען נעמען אריין אנגעצויגנקייט, נערוועזיקייט, פילן אומרואיג, שטעלט הארץ קלאפעניש און הויכע בלוט דרוק.



## איז דא א וועג צו טעסטן דראגס פאר Xylazine?

מענטשן קענען רופן אדער באזוכן די פאלגנדע סירינדזש סערוויס פראגראמען צו האבן זייערע דראגס געטעסט פאר Xylazine און באקומען שעדיגונגס רעדוקציע סערוויסעס:

- **OnPoint NYC:** באזוכט **onpointnyc.org** אדער רופט 212-828-8464.
- **St. Ann's Corner of Harm Reduction:** באזוכט **sachr.org** אדער רופט 718-585-5544.
- **Housing Works:** באזוכט **housingworks.org** אדער רופט 347-473-7400.
- **VOCAL-NY:** באזוכט **vocal-ny.org** אדער רופט 718-802-9540.

מענטשן קענען אויך קויפן Xylazine טעסט סטריפס אנליין פון די פראדוצירער פאר פערזענליכע באנוץ.



## וויאזוי קענען מענטשן רעדוצירן זייער ריזיקע פון ווערן געשעדיגט דורך Xylazine?

אויב איר ווייסט אדער טראכט אז אייער דראג ענטהאלט Xylazine:

- פארמיידט עס פון נוצן, ספעציעל אליין אדער אין אן ארט ווי עס קען זיין א סכנה צו ווערן באוואוסטלאז פאר א לענגערע צייט.
- ברענגט עס צו אן אווערדאזע פארמיידונג צענטער צו נוצן אונטער אויפזיכט.

אויב איר האט הויט וואונדן, קען אויפהערן נוצן Xylazine עס העלפן אוועקגיין. אויב איר האט הויט וואונדן וואס פארבעסערן זיך נישט אדער גייען נישט אוועק, רעדט צו אייער העלט קעיר פראוויידער. פאר הילף מיט טרעפען א פראוויידער, רופט **311** אדער 844-692-4692.